NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13393

# A SHTETL

David Ignatoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org




# א שטעטעל

דער רויטער ריז
גאָט'ס וואונדער

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פרעסע ארכיוו

געדרוקט אין
פינסקי־מזול פרעס.

Copyright, 1921
by
Farlag America

פארלאג אמעריקא

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו



איז ער אזוי געלאפען צווישען די פלאמען, געשליידערט מיט זיינע
הענט די ברענענדיגע בוימער.

# דער רויטער ריז

ערגעץ איז פאראן א שטעטעל, וואו א סך אידישע טאטעס און מאמעס זענען געבוירען געוואָרען. די ערד איז דאָרט ניט פארדעקט מיט שטיינער, ניט מיט אַס־פאַלט; די ערד איז דאָרט פריי, איז אָפּגעדעקט און אָפען. אין די הייזלאך דאָרטען, זענען קליינע, אָפּגער זונדערטע און שיינע. און די טאַטעס מיט די מאַמעס האָבען דאָרטען גערטנער, האָבען סעדער, געגז און הינער, און זיי האָבען קליינע קינדער. די געגנז שווימען אום אין לאנגע שורות איבער'ן שטעטעלס שיינעם טייך און די בהמות און די ציגען פאשען זיך אין דעם שטע־טעל'ס גרויסען וואַלד. דער טייך לויפט אין מיטען שטעטעל, און דער וואַלד שטעהט אונטער'ן שטעטעל. און כמעט אלע אָוועגט ווערט דער הימעל איבער'ן וואַלד פול מיט רויט און גאָלד און איבער'ן ברייטען ווייטען וואַלד נעמען זיך אָפּשפּילען פארשידענע מעשות. —

אָט זעצט זיך די זון און רירט אָן דעם זוים פון וואַלד, נעמט זיך גלייך מאָלען א מעשה:

ווייט אין דעם וואַלד שטעהט א גרויסער שלאָס, האָט דער שלאָס א הויכען גאָלדענעם טורעם, און אין דעם גאָלדענעם טורעם וואוינט א רויטער ריז. די האָר

---

גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

אויף זיין קאָפּ זענען געקרייזט און זענען רויט ווי פייער. געהט דער ריז אַרויס אויף געיעג איז ער הויך און איז גרויס, דער דאָזיגער ריז האָט ביי זיך אַזאַ גליקס־פינגערל דורך וועלכע מען קאָן קריגען וואָס דאָס האַרץ גלוסט. האָט ער דורך דעם כשוף פון דעם רינגעל אַריינגעקראָגען צו זיך אַ בת מלכה און האַלט זי דאָרט געפאַנגען אין זיין שלאָס. און יעדען טאָג ווען דער ריז געהט אַרויס אויף יאַגד פאַרשפּאַרט ער די בת מלכה אין זיין גאָלדענעם טורעם און פאַרשליסט זי דאָרט אויף זיבען שלעסער. און ערשט אין אָוונט, ווען דער הי־מעל ווערט פול מיט רויט, מיט פייער און מיט גאָלד, קומט דער ריז צוריק צום שלאָס, נעמט אַרויס די בת מלכה און דורך דעם כשוף פון דעם רינגעל מאַכט ער אַזוי אַז זיי הויבען זיך אויף און זעצען זיך אַוועק אויפ'ן ברעג פון הימעל און זיי נעמען זיך דאָרט פּראַווען זייער סעודה.

האָט זיך אָבער דעם מאָל געטראָפען, אַז דער אָוונט איז אָנגעקומען ניט בּיסלאכוויז, שטיל און רואיג, נאָר מיטאַמאָל. — מיטאַמאָל האָבען זיך באַווי־זען פלאַמען איבער'ן וואַלד'ס הימעל, מיטאַמאָל האָט זיך פון דעם שטעטעל'ס גערטנער פון דעם טייך און פון דער ערד גענומען הויבען דער נעבעל, האָט זיך גע־הויבען און איז געפאַלען און זיך ווידער גענומען הוי־בען, ווי אַ שכור'ער, ווי אַ שווער פאַרוואונדעטער.

און דער פּלוצלונגדיגער פאַרנאַכט האָט מיטאַמאָל און פּלוצלונג אויך געכאַפּט דעם רויטען ריז אין וואַלד.

דער ריז האָט זיך דאָס מאָל פאַרשפּעטיגט אויף

---

גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

זיין יאגד און האָט זיך גאָר פלוצלונג ארומגעקוקט, אַז דער וואלד ברענט!

האָט ער זיך געלאָזט שנעל לויפען צו זיין שלאָס — צו דער שיינער בת מלכה. איז ער אזוי געלאָפען צוויי־שען די פלאַמען, געשליידערט מיט זיינע הענט די ברע־נענדיגע בוימער, געוואָרפען די בוימער אויף רעכטס און אויף לינקס, זיך געבראָכען אַ וועג דורכ'ן ברענענ־דיגען וואלד. אין מיטען דערינען האָט זיך אבער דער ריז אַרומגעזעהן, אַז ער האָט פאַרלוירען זיין גליקס־פינגערעל, אַז ער בלאָנדזשעט... אַז ער וועט שוין דעם וועג נים געפינען... בלייבט ער אזוי שטעהן אַ צעשראָ־קענער, און כאַפּט נאָכדעם מיט כעס אָן אַ ברענענ־דיגען הונדערט־יאָריגען דעמב, רייסט דעם אַלטען דעמב ארוים פון דער ערד מיט די וואָרצלען און נעמט זיך מיט אים וואלגערען די איבריגע ברענענדיגע בוימער. די בוימער נעמען פאלען, קראַכען און צעברעכען זיך נאָך קנאַקענדיגער. נאָר אָט בלייבט דער ריז שטעהן אַ פאַרמאַטערטער, עס פאלט אים אַרויס דער דעמב פון די הענט און ער נעמט זיך קוקען אַ צעטומעלטער... ער וויל ווידער לויפען — אבער וואוהין? אין וועלכער זייט?... זיינע אויגען צינדען זיך אים אָן רויט און גרוים און ווילד, און אָט כאַפּט ער זיך מיט זיינע גרויסע הענט אָן פאר זייטע געגרייזעלטע רויטע האָר. עס רייסט זיך פון אים ארוים אַ ווילדער: — וואַאַ־אַ־אַה! נאָכדעם גיט ער זיך אַ צאַפּעל און גיט אַ פאַל צווישען די ברענענדיגע בוימער ווי אַן אונטערגעבראָ־כענער.

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

די קינדער פון דעם שטעטעל, וואָס קוקען דער מאַלט אויף דעם רויטען הימעל זעהען דעם ריז׳ם מפלה, דערווייל אָבער האָט זיך אויך אָנגעצונדען דעם גרויסען ריז׳ם שלאָס וואָס אין גאָר טיפען וואַלד.

און די קינדער דערזעהען מיט שרעק, אַז דער גאָלדענער טורעם וואו עס איז געפאַנגען די שיינע בת מלכה, האָט זיך אַזוי ווי אָפּגעבראָכען פונ׳ם שלאָס און האָט זיך גענומען וויגען אויף די פלאַמען, ווי אויף א רויטען ים — — —

און די שיינע בת מלכה איז צוגעלאָפען צו איינעם פון די קריסטאַלענע פענסטער, און האָט פון דאָרט גע־קוקט א פאַרציטערטע צו די שטעטעלשע קינדער און אירע גוטע אויגען האָבען ציטערדיג געפרעגט: — וואָס וועט זיין קינדערלאַך? וואָס וועט זיין?...

---

שפּעט אין אָוענט, ווען די פייערען האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעלאָשען אויף דעם רויטען הימעל, ווען די קינדער האָבען שוין אָפּגעגעסען וועטשערע, ווען די מאַמעס האָבען זיי איינגעוואַשען און די טאַטעס האָבען מיט זיי אָפּגעלייענט קריאת שמע, ערשט נאָכדעם ווען די קינדער שלאָפען שוין איין, דערזעהען זיי אין חלום די שיינע בת מלכה א באַפרייטע, זי שווימט אויף א שיפעל איבער׳ן שטעטעלס טייך און מיט אירע גוטע שמייכלען דאַנקט זי די קינדער און זי זאָגט זיי, אַז זי שווימט איצט אַהיים צו איר טאַטען דעם מלך, און איר מאַמע — די מלכה.

---

גאָלד און זילבער און בריליאַנטען



ביז צולעצט באווייזט זיך פאר זיי דער אלטער מכשף אין רויטען.

_ב_ טראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

## פון גאָט׳ס וואונדער

זומער.
נאָך האַלבען טאָג.
נייַן, אַרום פאַרנאַכט.
און עס רעגענט אין דרויסען.
עפּעס וויינט פון הימעל מיט שווערע ביטערע טרערען.

עס שטעהען די הייזלאַך צעטומעלט. — קוקען מיט די שטאַר־פאַרגלייזטע פענסטער, קוקען פאַר זיך... און עס נעצט זיי אויך דורך־און־דורך...

ווייט אַנטקעגען זיי, אויפ׳ן גרויסען, מיט קאַליער זשעם פאַרשפּרייטען פּלאַץ, ליגט אויסגעצויגען דער שוין לאַנג פאַר־יתום׳טער בראַנפען־פּאַדוואַל. אַ גרויסער ערדענער דאַך, ס׳וואַקסען דערנער, דערנער... ס׳קוקען צוויי שוואַרצע הילצערנע טירען. קוקען ווי ס׳בלייזלען זיך די קאַליעזשעס; בלייזלאַך נאָך בלייזלאַך קומען און פאַרשווינדען: — אַלץ זכרונות פון אמאָל.

גאַנץ באַזונדער שטעהט זיך די עלעגאַנטע אַפּטייק מיט אירע יונגענטליך־ווייסע ווענט. אונטער איר גריינעם בלעכערנעם דאַך, מיט דעם גרויסען צווייקעפּיגען גרויען אָדלער, מיט די ברייט צעשפּרייטע פליגעל. — רייסט זיך אַרויף!

---

## גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

וויינענדיגער צערעגענט זיך דער רעגען.
ס'ווערט געדיכטער די טונקעלהייט.
די יונגע אקאציע בוימער, וואס ארום דער אפטייק, ווערן שטארק אנגע'ברוגז'ט.
לידיג שטעהט דער פאררעגענטער מארק. נאר אט לויפט אן א „יאזהע“. אין איר א באיארטער מוזשיק מיט א גראבען זאק אויפ'ן קאפ, איינגעהארבעט. ווארפט געאיילט מיט די לייצעס. דאס דארע דורכ-געזויקטע פערדעל שפרינגט אונטער אויף אלע פיר. באלד איז ער לעבען קלויסטער.

ערגעץ ברעכט א בליץ, ס'קנאלט א דונער. — לאזט א דורכלויפענדיג מיידעל ארויס א פארצאפעל-טען, ווילדען קוויטש. — רייסט זיך אויס איין עק פון איר שאל און פליט נאך אירען אן אקסעל. — גיט זי נאך און נאך א קוויטש און פאלט אריין אין שטוב ניט טויט, ניט לעבעדיג.

„פעטער און פאוועל“, וואס זענען בארוועס און אין זייער גאנצער גרויס אפגעמאלט אויף די גרויסע קלויסטער-טירען, גיבען זיך א טרייסעל. — הא?!
דער מוזשיק צלמ'ט זיך אויף גיך און פארשווינדט.
בלייבט ווידער דער מארק ליידיג — קיין לעבעדיג באשעפעניש, אויסער „פעטער און פאוועל“ און די שטארק-אויפגערעגטע קלויסטער-ביימער...

עס לייטערט זיך.
אט שוין נאכ'ן רעגען.
לויטער, פריש, אויסגעבאדען. — — — —

---

**גאלד און זילבער און בריליאנטען**

ראש צעלויפען זיך די וואסערען, מאכען דעם זומערדיגען געהויש נאך זומערדיגער. פון די הייזלאך איז די מרה־שחורה שוין לאנג פארשוואונדען. ס׳עפּע־נען זיך פענסטער, טירען, ס׳לויפען ארוים באָרוויסע קינדער און נעמען ארומטאנצען אין די קאָליעדזשעס. און מיט נחת קוקען ארוים מאמעס פון די פענסטער...

איבער׳ן שטעטעל באוויזט זיך דער פארביגער רעגענבויגען... מענשען, קינדער, יונג און אלט, טראָ־גען זיך ארום מיט רעגענבויגענדיגע הערצער, מיט רעגענבויגענדיגע בליקען. אלץ קוקט אויף אלץ פּיעל־פארביג, ניי־געבארען.

איין עק פון רעגענבויגען פארלירט זיך אויפ׳ן שטעטעל׳ס הימעל אין מיטען... דער צווייטער — פאלט אריין אין דעם פריץ׳ס וויסען שלאָס, וואס שפּי־געלט זיך אָפּ אינ׳ם ריין געוואשענעם וואסער פון דעם שטעטעלס טייך...

נחת־פול פארגעהט זיך דער טייך. פארקאטשעט זיך ביז פון יענער זייט וואלד, וואס קוקט צופרידען אויף די וויכע, ווייטע לאנקעס...

ערגעץ אין מיטען פעלד זעהט דער טייך אוים, ווי דער מוטער ערד׳ס אן אנטבלויזטע ברוסט... האט זיך די זון פארגעסען וואו זי איז אין דער וועלט, גלייך — ביז נאכט וואלט נאך געזעצן ווער־וויסט וויפיל. שפּילט און שפּיגעלט זיך אין דעם ברוסטיג־צארטען וואסער, זויגט דורשטיג מיט אירע לאנגע שטראַלען.

און ס׳דאכט זיך: איבער דער גאנצער גרינער ערד איז איצט אויסגעשפּרייט א פארביגער וויכער

---

גאָלד און זילבער און בריליאנטען

שמייכעל פון א גוטער מאמע, וואס גיט איר קינד זייגען נאך דעם, ווי דאס האט זיך שטארק אנגעווייטיגט; די מאמע פיהלט זיך אביסעל שולדיג און טענה'ט מיט איר גוטען שמייכעל: „אבער דארף מען אזוי וויינען? אזוי שרייען? אזוי געזוואלדעוועט? א? דו נאשער, דו!“ און דאס קינד, אפילו נאך א פארטרערטס, שיינט מיט א גאלדענעם אפגלאנץ. ס'הייסט: — אבער אויסגעפירט!...

עטליכע ווילדע גענז הויבען זיך אויף פון דער בלאטע, וואס ביים טייך, לעבען וואלד. פאטשען הורך די פייכטע לופט, שלעפען מיט זייער גענזענעם געשריי נאך זיך, און פארשווינדען.

„קו־קו, קו־קו!“, לאזט הערען איר געהיימניס־פולען רוף די קוקושקע. עס ענטפערט איר אפ דער ווידער־קול פון טיפען וואלד: „קו־קו, קו־קו!“ — — —

א מעשה וועגען דער מאמען מיט דער שיינער טאכטער:

דער אלטער מכשף, מיט דער ווייסער באָרד און רויטען קלייד, האט זיי פארנארט צו זיך אין וואלד אריין.

האלט זיי דארט געפאנגען ווייט איינע פון דער אנדערער.

הויבט זיך אן זעצען די זון; פארביינקט זיך די מאמע נאך איר שיינער טאכטער; ווערט זי פארוואנ־דעלט אין א ווילדען פויגעל און נעמט שרייען: „קו־קו! קו־קו!“

---

# גאלד און זילבער און בריליאנטען

די שיטע מאַכטער באָדט זיך אין בשמים'דיגען טייכעל, וואָס אין גאַר טיפען וואַלד. דערקענט זי דער מאַמעס קול. שפּרינגט זי שנעל אַרויף אויפ'ן שטיין, וואָס אין מיטען טייכעל. ציט אוים איר וואונדער־שיינעם האַלז און וויל אַנהויבען שרייען: מאַמע! מאַמע! אָבער פון איר מויל גיעהט אַרוים בלויז אַ פּאָר־בייגקטער: קו־קו! קו־קו! איר לייב איז אויסגעצויגען און איז ווי פון שטראַלען געוועבט; עס הייגען אויף איר, ווי פערעל, די פרישע טראָפּען וואַסער. איז, ווי זי שפּיגעלט זיך אַזוי לעבעדיג פריש אין דעם וואַסער אַריין און שרייט פאַרבייטקט: קו־קו! ווערט דער גאַנצער אַרומיגער וואַלד פאַרטראָגען צום עק הי־מעל אויף מערב... ווערט דאָס טייכעל פאַרוואַנדעלט אין אַ גאָלדענעם וואַסער־פאַל... ס'ציטערט זיך אָן דער וואַלד אַרום... ס'ברענט! אַ העלישער פייער. דער שטיין ווערט רויט. — אַ מאַסע צעגליטע אייזען. שפּרינגט זי פון אים צעשראָקען אין וואַסער אַריין. נעמט שווימען, אָבער אין אַלע זייטען — פייער!... פייער!... ס'פלאַקערט דער וואַלד מיט אַ געוואַלדיגער מאַכט. קנאַלענדיג, ברעכען זיך די רויטע ריזיגע פלאַ־מען אין דעם הימעל אַריין, ציגדען אונטער די וואָל־קענס פון נאָהענט און וויים... די מאַכטער וואַרפט זיך אין אַלע זייטען... פאַרפלאָנטערט זיך פון מאָל צו מאָל אין אירע געדיכטע, לאַנגע האָר... אַ פאַרמאַמערטע טונקט זי זיך אַלע מאָל אונטער אין'ם גאָלדענעם וואַ־סער און קומט באַלד ווידער אַרוים, ענטפערט אויף דער מאַמעס קו־קו!... ביז צולעצט, באַוויזט זיך פאַר

איר דער אַלטער מכשף אין רויטען, מיט אַ רויטער דעק. לאָזט זי זיך אין איר איינוויקלען... און... — אַ גוטע נאַכט!

—

„קו־קו!“ — דערהערט זיך פון וואַלד צום לעצטען מאָל. דער ענטפער ווערט פאַרגליווערט אין מיטען...

די נאַכט מאַכט זיך אַריין אין שטעטעל, די זשאַבעס קוואַקען איר אַנטקעגען. דאָס קוואַקען פילט אָן די פייכטע לופט...

פון די אָפענע בית־המדרש־פענסטער שפּאַרט זיך אַרויס אַ וואַרים מעריב־דאַווענען און וועבט זיך האַרציג אין דעם שטעטעל׳ס נאַכט אַריין...

*

נאָך האַלבע נאַכט.

אונטער דעם אָפענעם פאַרפינטעלטען הימעל וויגט זיך דאָס שטעטעל אין שלומער...

וואו־ניט־וואו באַווייזט זיך אַ פאַרשפּעטיגטער פוס־געהער. די טריט שלאָגען זיך אָפּ רעגעלמעסיג, גלייך, און עס דאַכט זיך — מען הערט, ווי עס קלאַפּט דער נאַכט׳ס דופק: אה־אה־אה־אה — — — — !

אויפ׳ן בערגעל האָבען די בהמות שוין לאַנג פאַר־נומען זייער נאַכטלאַגער: ליגען אויסגעלייגט אויף „אַלע פיר“, האַלטען וואַכעדיג אויפגעהויבען די קעפּ — זענען מעלה־גרה. עס הערט זיך אַ קייען... זייערע אַלעמענס קעפּ, אַלעמענס אויגען זענען טיף פאַרזונ־קען... זייערע אַלעמענס אויגען, זענען גלייך צעעפענט... און אָט צעוויקעלט זיך אַ שווערער זיפץ. — איינע פון זיי, אַ ראַבע מיט אַ ווייכען פנים, שוואַרץ אַרום די אויר־

גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

גען, גרויע צעדרייטע הערנער, נעמט זיך אויפשטעלען.
עס הערט זיך דאָס קנאַקען פון אירע קנעכלען... אָט
שטעהט זי שוין פעסט אויף אירע פיס, ציט זיך אויס
אין איר גאַנצער לענג. ס'פאַלען צונויף די ראבע
זייטען, ס'דרייט זיך שטייף אויס דער עק. אָט צע־
עפענט זי דאָס ווייסע מויל, צעשפרייט די נאָזלעכער
און שרייט אויס:

— המאא־א־א! הממא־א־אה! המ־א־הא! —
דאָס שטעטעל גיט זיך א דרייפאַכען וויג.
די פאַרפינטעלטע נאַכט הילכט אָפּ דאָס געשריי
פון דריי פאַרשידענע פלעצער: פון ערגעץ טיף, ווייט
און נאָהענט...

חלומות ווערען דורך דעם אָפּגעריסען, חלומות
ווערען דורך דעם געבאָרען... קינדער ציטערען אויף
אין די וויגען, קינדער הערען פלוצלונג אויף צו זויגען,
לאָזען פלוצלונג אַרויס דער מאַמע'ס ברוסט פון מויל.
און אויף דער אַלטער, פאַרוואָרפענער גרעבליע,
אויף די טרעפּ פון דער וואַסער־מיל, זיצט די שוואַרץ־
חנ'עווידיגע רייזעל, אויף אירע רונדע אַקסלען וואַרימט
זיך אַ גרויסער שאַל. און אָנגעטוליעט אָן איר שאַל
זיצט דער שיינער יאָסעל. —
ציטערען זיי ביידע אויף.

און דאָס פאַרשטערנטע טייכעל, זיך אָפּשלאָגענ־
דיג אָן די שוואַרצע ברעגען פון דער גרעבליע, פליס־
טערט שטיל: שרעקט זיך ניט, קינדער, גאָטס סודות,
גאָטס וואונדער...

## גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

## א גרופע מעשה'לאך פון דוד איגנאַטאָוו

אונטער'ן פאָלקסטימליכען נאָמען

# גאָלד און זילבער און בריליאַנטען

1) די מעשה מיט'ן גאָלדענעם אינגעלע

2) א שטעטיל: (דער רויטער ריז, גאָט'ס וואונדער)

3) ווינטער: (דאָס אָנקומען פון ווינטער, א ווינטער נאַכט אין וואַן קאָרטלאַנד פּאַרק, די מעשה מיט'ן חתן אין דעם ווייסען וואַלד.)

4) א שטאָט: (דער געפּאַנצערטער ריז, דער הערטסאָן.)

נ א ָ ך א ַ ל ט ע מ ע ש י ו ת:

5) דער רמב"ם און דאָס מענטשעלע

6) דער משמד און דער אָנוס

7) דער נפטר

8) די מעשה מיט די צוויי שותפים

9) בערעל פראַגער אין לבנה לאַנד

10) בערעל פראַגער אין דעם לאַנד פון ריינקייט

11) די מעשה מיט דער מלכה שבת

12) די מעשה מיט דעם אמת'ן און דעם פאַלשען בן מלך

13) די פאַרוואָגעלטע בת מלכה און דער גבור

14) פון חומש: האזינו, דאָס געזאַנג פון משה. די רייד פון בלק און פון בלעם.

FARLAG AMERICA, 215 East Bway., N.Y.